We acknowledge Gilles Rozier and the Paris *Tim-Tam*, for permission to reproduce several of the following poems of Marina Alexeeva, a professional translator and interpreter in Paris. Though Marina came to Yiddish only in adulthood she writes her poetry in Yiddish. An admirer of Reyzl Zykhlinska, she intends to translate her poetry for this site.

**מאַרינאַ אַלעקסעעוואַ** איז געבוירן געוואָרן אין לענינגראַד (היינטיקן סאַנקט־פּעטערבורג) אין 1968 און פֿון 1992 אָן וווינט אין פּאַריז. זי האָט געענדיקט די אָפּטיילונג פֿון געאָגראַפֿיע און ביאָלאָגיע באַם לענינגראַדער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט און די קאָנפֿערענץ־דאָלמעטשערײַ אָפּטיילונג בײַם וועסטמינסטער־אוניווערסיטעט אין לאָנדאָן. זי אַרבעט ווי אַ דאָלמעטשערין און איבערזעצערין און זעצט פֿאָר זיך צו לערנען די ייִדישע שפּראַך און ליטעראַטור אין מעדעם־ביבליאָטעק אין פּאַריז.

**ביבליאָגראַפֿיע:**

"דער ייִדדישער טעם־טעם" נומער 64, מאַי 2008, מעדעם־ביבליאָטעק, פּאַריז
"גילגולים" נומער 2, יאַנואַר 2010, מעדעם־ביבליאָטעק, פּאַריז

**Bibliografye**:

*der yiddisher tam-tam* n. 64, mai 2008, medem-bibliotek, pariz
*gilgul|im* n. 2, yanuar 2010, medem-bibliotek, pariz

**איך רעד**

איך רעד, און פֿון רעדן

וואַקסט אַ ווײַטקייט.

אַ צעשיידונג

פֿון צוויי אַ מאָל

איבערגעפֿלאָכטענע שטימען

נעמט אָפּ איין וואָרט

נאָך אַן אַנדערן.

און איך שווײַג,

איך שווײַג מיטן מויל

אָנגעשפּאַרט אין דײַן אויער

און איך זע, ווי דײַטלעך אין אונדז

גרויען די מײַלשטיינער.

## אין פּאַראַדזשאַנאָווס הויז

שלעפּ מיך אַרײַן

אין דער וועלט פֿון פֿאַרגלאָצטע קולות

און אייביק פֿאַרחידעשטע פּנימער,

מאָל מיך אויף אַ לײַטער

אַ הוידעוודיקן

צווישן די בלויע זײַדענע בערג

און ווען דער אַלטער צעריסענער פֿאָרהאַנג

איבער די וואָלקנס

וועט זיך אויפֿהייבן,

לאָז מיך אַרויס

מיט די ערשטע גלעזערנע טראָפּנס רעגן

וועלכע וועלן דערפֿון געבוירן ווערן

-----------------------------------------------

נ.ב. מ"קען אַליין אַ בליק טאָן אויפן הויז פון דעם גרויסן אַרמענישן פילם-רעזשיסער און קינסטלער פּאַראַדזשאַנאָוו - באַזוכזשע wikipedia - Sergey Paradjanov Museum

## דער גרויסער טאָג

דער גרויסער טאָג

האָט פֿאַרקרימט דאָס מויל,

פֿאַרקנייטשט דעם שטערן

און איז שטיין געבליבן

פֿאַר אַ קופּע

געל־רויטע ביימער,

אָנגעזאַמלטע דורך עמעצן נעבן דעם האָריזאָנט.

אין משך פֿון זײַנע לעצטע שעהען -

נאָך עטלעכע ווייכע שריט –

וועט ער זיך פֿאַרוואַנדלען

אין אַ זעמדל

אויף אַ זײַט וועג

און וועט שנעל אַנטשלאָפֿן ווערן.

## מען שרײַבט אַ ליד

הײַנט האָט מען גענומען

דעם קײַלעכדיקן קלאַנג ־

ער איז געקומען פֿון דרויסן ־

און מ'האָט בײַ אים זיך אויסגעוואַרעמט די הענט;

אויף די פֿאַרפֿראָסטיקטע פֿענצטער

האָט מען לאַנג, לאַנג געשריבן

און געצייכנט

ביזן פֿאַרנאַכט

מיט די אויסגייענדיקע שײַן־פֿלעקן

אויף די שפּיצן פֿינגער.

**אַ מתּנה**

דער זייגער,

דאָס אײַזערנע הערצעלע,

ווי לײַכט איז צו טראָגן

אויף דער נאַקעטער האַנט

דײַן שפּור און דײַן שאָטן,

דײַן נאָמען,

ווי לײַכט -

און ווי שווער איז דער רעשט.

**נעכטן**

נעכטן

האָב איך געחלומט

וועגן דײַנע טריט,

די לאַנגע שורות טריט.

די אומענדלעכע שורות טריט,

און אַז דערפֿון בין איך אַ פּינטל.

**לאָמיר רעדן**

לאָמיר רעדן

מיטן קומענדיקן טאָג,

וועלכער שטייט אַנטקעגן אונדז

פֿון יענער זײַט פֿענצטער,

לאָמיר אים אויסהערן ביזן סוף,

ביזן לעצטן "יאָ" אָדער "ניין".

איידער - מיטן בלאַסן שמייכל -

ער קערט זיך אָפּ און שווימט אַוועק.

## אַ געזעגעניש

לאָמיר איבערפֿירן די צײַט –

אַרויס פֿון דער דירה.

מיט איר דורכזיכטיקן,

דרעמלענדיך גוף

אויף די הענט

לאָמיר זיך אָפּשטעלן

אויפֿן שוועל, ניט נענטער,

ניט ווײַטער

פֿונעם אָפֿענעם, ברייטן שפּיגל־פּנים

אינעם קליינעם אַרײַנגאַנג

אָנגעשטאָפּט מיט אַלערליי וואַליזקעס,

זעק און קעסטלעך.

טאָ זעסטו – פֿון אונטער די פֿיס

הייבט זיך אָן די גראָדע ליניִע

און, שלאָפֿנדיק, ציט זיך אויס די צײַט

מיט קוים אויסגעשעפּטשעטן וואָרט

אָדער אַ נאָמען.